בס"ד

# ועד למען קדושת השבת

## דעיר רבתי ניו יארק

## זכור את יום השבת לקדשו

# הכר נא דבר אמת!

דעם פאַרגאַנגענעם מוצש"ק האָט איינער פון די חשוב'ע רבנים פון אגודת הרבנים גערעדט אויפ'ן **ראַדיאָ** און האָט זיך אויסגעדריקט:

**1) אַז ער ווייסט נישט קיין גדולי הרבנים זאָלען מתיר זיין עירובין אין גרויסע שטעט;**

**2) אין גרויסע שטעט וואו עס איז פאַראַן ששים רבוא איינוואוינער איז קיינמאָל קיין עירוב נישט געווען, און מען זאָל נישט גלויבען די רייד, אַז אין אייראָפּע האָט מען געמאַכט עירובין אויך אין גרויסע שטעט.**

מיר ווילען נישט מפלפל זיין אין הלכה אָבער מיר ווילן איבערגעבען אַ פּאָר היסטאָרישע פאַקטען למען האמת.

אַזעלכע גרויסע ריזען ווי די ווייטער דערמאָנטע זענען מתיר צו מאַכען עירובין אין גרויסע שטעט מיט אַ צורת הפתח. מרן החזון איש, מרן ר' חיים עוזר, מרן הגאון ר' יונתן שטייף, מרן הדברי מלכיאל, מרן הגאון רצ"פ פראנק רבה של ירושלים, מרן הגאון ר' אליהו הענקין, הגאון מהרש"ם, הגאון בעל הרי בשמים, בעל תירוש ויצהר, הגאון רש"ד מווארשא, הגרמ"מ מסלובודקא, האבני נזר, הגר"י מקוטנא, הגר"מ נחום ירושלמסקי, הגרמ"ד ווייסמאנדעל הרב סיגעל ס' עירוב והוצאה, תו יהושע, און נאָך פילע זכר כולם לברכה ווי אויך כמעט אַלע פוסקים וליכא מאן דחולק, לויט'ן הגרש"ד איז היינט אין די גרויסע שטעט אפילו דער משכנות יעקב מתיר.

אויך דער גאון הדור **ר' משה פיינשטיין שליט"א** שרייבט אין הפרדס שנה ל"ג חוברת ט' ווי פאָלגענד: **איני רוצה להצטרף להמתירים אף שאיני מוחה בהמתירים, מאחר שהטעמים להתיר מרובים, ומצד החשש שהוכחתי מירושלים בדיעבד כשערבו הרי הי' מותר וכיון שהם סוברים להתיר אף לאחר שראו מה שכתבתי ודאי הרשות בידם לעשות כמו שהם סוברים,** עכ"ל (באגרות משה סי' קל"ט). (איך וויל זיך נישט מצטרף זיין צו די מתירים, אָבער איך בין נישט מוחה אין די וואָס זענען יאָ מתיר ווייל די טעמים פון מתיר זיין זענען פיל, און פון דעם חשש וואָס איך האָב געוואָלט אסר'ן בדיעבד בין איך אויך מודה אַז דער עירוב איז כשר און מען מעג דערביי טראָגען, און ווי באַלד די מתירים האַלטען להיתר אפילו נאָך דעם וואָס זיי האָבען געזען וואָס איך האָב געשריבען איז אוודאי מעגען זיי טוהן אַזוי ווי זיי האַלטען און איך בין נישט מוחה אויף דעם.

## היסטאָרישע פאַקטען :

וואַרשע, וויען, אמסטערדאַם, לאָנדאָן, פּאַריז, אַנטווערפּן, אויך אין ניו יאָרק איז געווען אַן עירוב און אין נאָך פילע גרויסע שטעט, טייל האָבן נאָך היינט אויך, אויך אין גאַנץ ארץ ישראל איז דאָ עירובין אין ירושלים, תל־אביב, חיפה, און בכלל אַלע שטעט און שטעטלעך.

אין ירושלים איז דאָ צוויי עירובין איינס פון בד"צ ווייל זיי ווילען זיך נישט סומך זיין אויף דעם ציוניסטישען עירוב, און איינס פון רבנות הראשית. אויך ביי אונז אין אַמעריקע האָט מרן גאון הדור ר' משה פיינשטיין שליט"א צוגעהאָלפען אין מאַכען עירובין פערזענלעך און מיט בריוו וועלכע ער האָט געשריבען (פון וועלכע מיר האָבן קאָפּיעס). אויך האָט גאון הדור ר' משה פיינשטיין שליט"א פערזענליך צוגעהאָלפען אין מאַכן עירובין ווי באַוואוסט אין קווינס, פאַר ראָקאַוועי, סיגעיט, מאנסי, און אויך אַנדערע שטעט. דאָס זענען היסטאָרישע פאַקטען וועלכע מען קען נישט מכחיש זיין, והאיך החי יכול להכחיש את החי. חס ושלום צו זאָגען איבערהויפּט אין די עשרת ימי תשובה אַז די **אַלע אידן וואָס טראָגען אין אַלע שטעט אין אַמעריקע ובשאר מדינות זענען מחלל שבת בפרהסיא און חייב סקילה רח"ל** (דאָס האָט הרב הנ"ל געזאָגט אויפ'ן ראַדיאָ), און בפרט ווען דער גאון הדור ר' משה פיינ־שטיין שליט"א שרייבט בפירוש אַז ער וויל נישט מוחה זיין אויף די וואָס מאַכען עירובין ווייל זיי האָבען זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזען אויף די רבנים המתירים.

דאריבער איז דאָס אַ גרויסע וואונדער, אַז אַ חשובער רב זאָל ניט וויסן פון די אַלע פוסקים פון דעם פריערדיגען דור המתירים, אויך גדולי הזמן האַלטן אַז מען קען יאָ מאַכען עירובין מדינא, אין אַלע שטעט און שטעטלעך.

עס גלויבט זיך נישט ווי אַזוי עס קען זיין אַזאַ מין חשובער רב זאָל גאָרנישט וויסן פון די אַלע פוסקים, און זאָל אויך נישט וויסן פון די אַלע פאַקטן וואָס איז באַוואוסט פאַר יעדן, אַז עס איז איבעראַל געווען עירובין.

דאַריבער בעטן מיר דעם חשובן רב אויב באמת אַז ער האָט נישט גע־וואוסט פון די אַלע פאַקטן זאָל ער זיך פאַראינטערעסירן אין די פאַקטען פעסטשטעלן דעם אמת און זאָל זיינע רייד צוריקציען מודה על האמת זיין ווייל פשוט ער האָט ברבים מפרסם געווען אַ טעות ביודעים או בלא יודעים וועלכער וועט טאָן גרויס שאָדען מער מכשול ווי דער עירוב טוט, ווייל דאָס איז מגלה פנים בתורה שלא כהלכה.

בברכת כתיבה וחתימה טובה

**ועד למען קדושת השבת דעיר רבתי ניו יאָרק**

**משה יפה, טשערמאַן**

**1535 — 55th Street, Brooklyn, N. Y.**